בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# לֶעבּ מִיטְן מְצִיאוּת

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גָעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת שְׁלַח תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**מתיבתא היכל הקודש**
Mesifta Heichal Hakodesh
1129-42nd Street
Brooklyn NY 11219

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**מרכז היכל הקודש דחסידי ברסלב וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
287 Heyward Street
**347-563-4044**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
79 Decatur Avenue.
**347-243-2992**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site: www.breslevcity.co.il**
לשמוע השיעורים 212-444-9191
**Find our entire book selection at:**
**amazon.com** or at: **mohorosh.com**
**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-481-3321**

breslevcity.co.il

# לֶעבּ מִיטְן מְצִיאוּת

א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עב): וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אַ צַדִּיק בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסְקֵייט, אוּן דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקֵייט וָואס מֶען בַּאקוּמְט אִיז שִׁפְלוּת, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ שָׁכֵן לֶעָפָר בְּחַיָּיו; דָאס הֵייסְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאךְ, זָאל עֶר שׁוֹין טְרַאכְטְן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט אוּן עֶר וֶועט דַארְפְן אַוֶּועק גֵיין פוּן דֶער

breslevcity.co.il

וֶועלְט, און מֶען וֶועט אִים מַאכְן אַ גְרוּבּ, און דָארְטְן אַרַיינְלֵייגְן. אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט אַ גוּטְן אִיד זָאגְן: אִיךְ גֵיי יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, אַזוֹי וֶועלְן דִי חֶבְרָה קַדִישָׁה מִיר נִישְׁט דַארְפְן טוֹבֵלְ'ן, וַוייל אִיךְ הָאבּ מִיךְ שׁוֹין אַלֵיינְס גֶע'טוֹבֵלְ'ט.

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לא ע"א): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה, הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט: לִישְׁרֵי לָן מַר, - זִינְגְט אוּנְז אַ נִיגוּן. הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ נִיגוּן: וַוי לָן דְמִיתְנָן, וַוי לָן דְמִיתְנָן - וֵויי אִיז פַאר אוּנְז, אוּנְז גֵיי מִיר שְׁטַארְבְּן; פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת פֶּסַח, הֲלָכָה ט): וָואס הֵייסְט בַּיי אַ חֲתוּנָה זִינְגְט מֶען אַזַא זַאךְ? נָאר דֶער 'יוֹם הַמִּיתָה' אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן אַ מֶענְטְשׁ, נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ קוּקְן אוֹיף דִי מְצִיאוּת, דָאס הֵייסְט, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיט רִיַאלִיטִ"י, און טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט אִים, און דָאס בְּרֶענְגְט אִים יִשׁוּב הַדַעַת, און אַז מֶען הָאט דֶעם יִשׁוּב הַדַעַת, זֶעהְט מֶען דִי מַעֲלָה פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען לוֹיט

breslevcity.co.il

דֶעם ׳סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִימוּד׳ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן עו, וּבְקוּנְטְרֵס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִימוּד בַּאֲרִיכוּת).

דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַגִּלְגּוּלִים, הַקְדָמָה יז): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַ פָּסוּק בַּייטָאג, דֶעמָאלְטְס בַּיינַאכְט וֶוען דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף, לֶערְנְט מֶען אִיר אוֹיס, זֵייעֶר אַסַאךְ סוֹדוֹת אוֹיף דֶעם פָּסוּק. כָּל שֶׁכֵּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגּוּם, אַזוֹי אַז וֶוען עֶס קוּמְט פְרַייטִיג הָאט עֶר שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַעֲבִיר סִדְרָה גֶעוֶוען, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן, אוּן וָואס פַאר אַ שְׂכַר מֶען בַּאקוּמְט פַאר דֶעם. אוּן לֵיידֶער רוֹב וֶועלְט זֶענֶען מוֹרָא׳דִיג נִתְרַשֵׁל אִין ׳דִי׳ מִצְוָה, אוּן דֶערְפַאר גֵייט אִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן עֲנִיוּת מִיט דַחְקוּת מִיט מַחֲלוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב רֶבִּי יִשָׂכָר דוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: אִין דֶעם טָאג וֶוען מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ״י וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן. עֶס שְׁטֵייט פוּן

breslevcity.co.il

הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר הָאט אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי צַייט. דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה, אוּן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה דָאס אִיז דִי נֵייעֶס פוּן דִי וָואךְ.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ אִיד לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, פֶּרֶק נָאךְ פֶּרֶק, אוּן גְמָרָא, בְּלַאט נָאךְ בְּלַאט; אָבֶּער עֶס קֶען דוּרְכְגֵיין אַ וָואךְ, אַ חוֹדֶשׁ, אַ יָאר, אוּן אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט נִישְׁט אוֹיף קַיין מִשְׁנַיוֹת, קַיין גְמָרָא וְכוּ', וָואס דָאס נֶעמְט זִיךְ נָאר וַוייל אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דֶעם לֶעצְטְן טָאג אוּן עֶר מֵיינְט אַז עֶר הָאט נָאךְ צַייט, וֶועגְן דֶעם הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן דִי מַתָּנָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר, עֶס אִיז אַוֶועק אַ טָאג וְכוּ'.

breslevcity.co.il

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א):
דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ **מִתְלַבֵּשׁ בְּמִצְוֹת**, עֶר קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ פַאְרשְׁטֶעלְטֶערְהֵייט, אוּן עֶר רֶעדְט אִים אַיין אַז עֶר זָאל טוּהְן אַ מִצְוָה, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הוֹדָאָה, הֲלָכָה ו): אַז דִי מִצְוָה מִיט וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ אִיז, עֶר זָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ: דוּ וֵוייסְט אִין הִימְל הָאט מֶען זֵייעֶר לִיבּ אַ '**לֵב נִשְׁבָּר**', אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וַוייל דוּ וֵוייסְט דָאךְ יָא וָואס דוּ הָאסְט אַלְס גֶעזִינְדִיגְט. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל אִים אַרַיינְשְׁלֶעפְּן דוּרְךְ דֶעם אִין 'מָרָה שְׁחוֹרָה' אוּן אִין 'עַצְבוּת'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן צ): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קד, לד-לה): **אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ.** וֶוען אַ אִיד פְּרֵיידְט זִיךְ - כִּבְיָכוֹל - מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין חַטָּאִים; וַוייל יֶעדֶע סְקוּנְדֶע וָואס אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ אִיד, כָאטְשִׁיג עֶר הָאט גָארְנִישְׁט

breslevcity.co.il

אִין זִיךְ, וַוייזְט עֶר מִיט דֶעם אַז עֶר גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וֶועגְן דֶעם פְרֵיידְט עֶר זִיךְ, פוּן דֶעם אַלֵיין וֶוערְט מוֹרָא'דִיגֶע יִיחוּדִים, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ אַז עֶר הָאט צִיצִית בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶר הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיפְן טִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הַיינְט מִיט תְּפִילִין בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ל ע"ב): אַן אַמוֹרָא הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: 'אֲנָא תְּפִילִין קָא מְנַחְנָא', אִיךְ הָאבּ גֶעלֵייגְט תְּפִילִין. וַוייל מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז דִי מִצְווֹת זֶענֶען בַּיי אִים חָשׁוּב, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): **כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה, אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז גַאנְץ מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

קוּמְט אוֹיס, אַז פוּן אֵיין זַייט דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ טָאג - אוּן אֶפְשָׁר אִיז דָאס דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג - אוּן עֶר וֶועט דַארְפְן אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס אִים אוֹיךְ מְחַזֵּק, אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם, דָא אוֹיף

breslevcity.co.il

דֶער וֶועלְט מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁוֶועדֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן אִיז אַזַא מְגוּשָׁם׳דִיגֶער מֶענְטְשׁ וִוי מִיר, זוֹכֶה צוּ גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן רֶעדְן צוּ אִים, וָואס יֶעדְן דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הַצְלָחָה, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ זוֹכֶה מְקַיֵים צוּ זַיין מִצְווֹת, אוּן כָּל שֶׁכֵּן אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, וַוייל נָאר דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (הִלְכוֹת פֶּסַח שָׁם): דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שִׂמְחָה וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט זֵייעֶר נִיגוּן: וַוי לָן דְמִיתְנָן וַוי לָן דְמִיתְנָן. וַוייל נָאכְן שְׁטַארְבְּן וֶועט מֶען מֶער נִישְׁט קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דִי אַלֶע מִצְווֹת וָואס מֶען קֶען יֶעצְט מְקַיֵים זַיין. אוּן אוֹיבּ וֶועט אַ מֶענְטְשׁ זָאגְן: וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן, אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין דוּרְךְ גֶעפַאלְן?! דַארְף מֶען וִויסְן אַז ווִילַאנְג מֶען לֶעבְּט קֶען מֶען אוֹיף אַלֶעם תְּשׁוּבָה טוּהְן.

breslevcity.co.il

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לה): תְּשׁוּבָ"ה אִיז דִי וֶוערְטֶער: תָּשׁוּב - ה, שְׁטֶעל צוּרִיק דִי אוֹת 'ה'; דָאס הֵייסְט, דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'ה', וַוייל עֶס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ פִינֶעף זַאכְן, וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן: נֶפֶשׁ, רוּחַ, נְשָׁמָה, חַיָּה, יְחִידָה, אוּן דָאס אִיז דֶער 'ה' וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ. אוֹיךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת י ע"א): דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָא אִין פִינֶעף וֶועלְטְן; קוּמְט אוֹיס, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, אִיז זַיין תְּשׁוּבָה אַז עֶר קוּמְט יֶעצְט צוּרִיק צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה. אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, פֶּרֶק א, הֲלָכָה א): דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז וִידּוּי **דְבָרִים**. דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף זָאגְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעקוּקְט, זַיי מִיר מוֹחֵל. אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעהֶערְט, זַיי מִיר מוֹחֵל. אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶערֶעדְט, זַיי מִיר מוֹחֵל. אוּן דֶער רַמְבַּ"ם לֵייגְט נָאךְ צוּ (שָׁם): כָּל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַודּוֹת הֲרֵי זֶה

breslevcity.co.il

מְשׁוּבָּח, וֶוער עֶס רֶעדְט זִיךְ מֶער אוֹיס דָאס הַארְץ פַּארְן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז עֶר מֶער אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט.

דֶערְפַאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, דְרֵייט עֶר אִיבֶּער אוּן מַאכְט דֶערְפוּן אַ תְּפִלָּה, אוּן בֶּעט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין מִיר, וָואס זָאל אִיךְ טוּעֶן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ ווִיל זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד. אוּן אַזוֹי זָאגְט עֶר אַרוֹיס אַלֶע זַיינֶע רְצוֹנוֹת צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוערְט דֶערְפוּן אַזַא מִין פַארְגֶענוּגְן אִין הִימְל, וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוּן עֶס וֶוערְט דֶערְפוּן אָן אַ שִׁיעוּר נַייעֶ עוֹלָמוֹת (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, אוּמְנִין הֲלָכָה ד').

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס יֶעדֶער אִיד פַארְמָאגְט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּעֶן ווִילַאנְג עֶר לֶעבְּט, אוּן ווִיבַּאלְד מֶען וֵוייסְט דָאס נִישְׁט, אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן רַחְמָנָא לִצְלָן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי רַבָּנִים פְּרוּבִּירְן טַאקֶע צוּ מַאכְן פַארְשִׁידֶענֶע תַּקָּנוֹת צוּ רַאטֶעוֶועןן דִי דוֹרוֹת,

breslevcity.co.il

אָבֶּער דִי עִיקָר תַּקָנָה אִיז, אַז בָּחוּרִים זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס יוּנְגֶער, וַוייל מַה יַעֲשֶׂה הַבֵּן שֶׁלֹּא יֶחְטָא?! [אַגַב, מֶען דַארְף אָנְזָאגְן פַאר בָּחוּרִים זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן מְנוּוָלִים, וַוייל עֶס אִיז – רַחְמָנָא לִצְלָן – הַיינְט אַ מוֹרָא'דִיגֶער דוֹר פָּרוּץ.]

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט וָואלְט אִיךְ אַיינְגֶעפִירְט: נֶעכְטְן תְּנָאִים אוּן הַיינְט חֲתוּנָה אוּן אִיר צוּגְרֵייטְן זִיבְּן טֶעג פְרִיעֶר. [בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן דָאס בַּאוִויזְן אוּן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶס הֵייסְט אַ חֵטְא. אוּן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת פוּן אַ חֲתוּנָה-נַאכְט, הָאבְּן מִיר אוֹיךְ גֶעמַאכְט אַ תִּיקוּן, מִיר הָאבְּן גֶעבּוֹיעֶט אַ חֲתוּנָה-זַאל, וָואס דֶער גַאנְצֶער זַאל מִיט דִי סְעוּדָה מִיט אַלֶע צוּגֶעהֶערְן, אִיז פַאר אוּמְזִיסְט, דִי עֶלְטֶערְן פוּן בֵּיידֶע זַייטְן דַארְפְן נָאר פָּשׁוּט קוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה זַאל, דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת וָואס מֶען קֶען דָאס גֵיין נָאכְקוּקְן.]

breslevcity.co.il

## ב.

דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה זָאגְט (בַּמִּדְבָּר יג, ג): **כֻּלָּם אֲנָשִׁים רָאשֵׁי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה**, אַלֶע מְרַגְלִים זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע אוּן חָשׁוּבֶ׳ע מֶענְטְשְׁן. דָאךְ זָאגְט רַשִׁ״י (שָׁם יג, כו): אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין רָאשֵׁי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען רְשָׁעִים, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַקֶעגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַקֶעגְן דִי מְצִיאוּת, וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רַשִׁ״י זָאגְט (בַּמִּדְבָּר יג, ב): פַּארְוָואס שְׁטֵייט דִי פַּרְשָׁה פוּן מְרַגְלִים לֶעבְּן דִי פַּרְשָׁה פוּן מִרְיָם, וָואסְפַּארַא שַׁייְכוּת הָאט דָאס? נָאר מֶען זֶעהְט בַּיי מִרְיָם הַנְּבִיאָה, וָואס כָאטְשׁ זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן זִי אִיז גֶעוֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ׳ס שְׁוֶועסְטֶער, אוּן אִין אִיר זְכוּת הָאבְּן מִיר גֶעהַאט צוּ טְרִינְקֶען פֶערְצִיג יָאר אִין מִדְבָּר פוּנֶעם **בְּאֵר** (תַּעֲנִית ט ע״ב); נָאר וִויבַּאלְד זִי הָאט גֶעפְרֶעגְט קַשְׁיוֹת אוֹיף מֹשֶׁה, אוּן גֶעזָאגְט (בַּמִּדְבָּר יב, ב): וָואס עֶפֶּעס אִיז מֹשֶׁה אַזוֹי

גְרוֹיס, גַּם בָּנוּ דִּבֵּר ה׳, מִיט אוּנְז הָאט אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶערֶעדְט? ! אִיז זִי גֶעוָוארְן קְרֶעצִיג. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי חֵטְא פוּן דִי מְרַגְלִים, וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל זֵיי הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועלְן זֵיי שׁוֹין נִישְׁט זַיין גְרוֹיס (זוֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁלַח, קנח ע״א). וֶועגְן דֶעם אִיז דָאס דֶער זֶעלְבֶּער פְּגַם ווִי מִרְיָם. אָבֶּער דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִיז גְלַייךְ מֵעִיד (בַּמִדְבָּר יב, ג): **וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה**, מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז גֶעוֶוען אַ עָנָיו מֶער ווִי יֶעדְן בַּאשֶׁעפֶענִיש וָואס אִיז פַארְהַאנֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן יא): **גֵאוּת** מִיט **נִיאוּף** אִיז גֶעוָואנְדְן אֵיינְס אִינֶעם אַנְדֶערְן; אוּן עַל פִּי רוֹב אַז מֶען זֶעהְט אֵיינֶער שְׁטוּפְּט זִיךְ פַאר כָּבוֹד, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ פָּשׁוּטֶ׳ער ׳נוֹאֵף׳, וָואס דָאס קֶען קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ אַז מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן גוּטֶע זַאכְן, בִּפְרַט פוּן בָּחוּרִים אוּן

breslevcity.co.il

יוּנְגֶעלַייט וָואס לֶערְנֶען לוֹיטְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

[חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ד ע"ב): כָּל הָאוֹמֵר תְּהִלָּה לְדָוִד ג' פְּעָמִים בְּיוֹם, וֶוער עֶס זָאגְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג דִי קַאפִּיטְל פוּן אַשְׁרֵי (תְּהִלִים קמה), אִיז עֶר פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר אִיז אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא, וַוייל עֶס אִיז דָא דָארְט דֶער פָּסוּק (שם, טז): פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶיךָ וְכוּ', אוּן אוֹיךְ גֵייט דָאס לוֹיט דִי א-ב. פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע, הֲלָכָה ה): וַוייל עֶס הָאט דִי א-ב, מִיטְן פָּסוּק פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶיךָ אִיז דָאס שׁוֹין אַזוֹי גְרוֹיס?! נָאר דֶער עִיקָר מְנִיעָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ צוּ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, אַזוֹי וִוי דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת רַבָּה לא, יב): אַז מֶען זָאל לֵייגְן אַלֶע צָרוֹת אוֹיף אֵיין זַייט וָואגְשָׁאל, אוּן אָרֶעמְקֵייט אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט וָואגְשָׁאל, וֶועט אָרֶעמְקֵייט אִיבֶּערְוֶועגְן. וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן דִירָה גֶעלְט אָדֶער פַארְן גְרָאסֶערִי, אָדֶער עֶר הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד פַאר דִי קִינְדֶער אוּן מֶען שִׁיקְט אִים

אַהֵיים דִי קִינְדֶער, אִיז עֶר צוּבְּרָאכְן אוּן עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְש וֵוייסְט אַז פַּרְנָסָה אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס זַיין גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה.

אוּן אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן, וֶועגְן דֶעם אִיז דָא דִי א-ב, וָואס דוּרְכְדֶעם קֶען עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְסַדֵר זַיין וָואס צוּ רֶעדְן, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין דִיבּוּרִים, לְמָשָׁל, אוֹיף דֶעם אוֹת א' קֶען עֶר בֶּעטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! זֶעה אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ לוֹיטֶערֶע אֶ'מוּנָה, זֶעה אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיזְט דָא. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי"ע בֶּעט אִין זַיין תְּפִלָּה: **וּתְהֵא אֱמוּנָתְךָ קְשׁוּרָה בְּלִבֵּנוּ כְּיָתֵד שֶׁלֹּא תִמּוֹט**, אִיךְ זָאל דִיר שְׁפִּירְן אַזוֹי וִוי אַן אַרַיינְגֶעהַאקְטֶע נָאגְל אִין דֶער עֶרְד וָואס מֶען קֶען נִישְׁט רִירְן פוּן פְּלַאץ, אַזוֹי זָאל אִיךְ זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה. נָאכְדֶעם אֶ'מֶת, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ זָאל זִיךְ הַאלְטְן בַּיים אֱמֶת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קיב): אֲפִילוּ אַ מֶענְטְש אִיז שׁוֹין אַרַיין גֶעפַאלְן וואו עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר רֶעדְט אַ דִיבּוּר מִיט אַ

breslevcity.co.il

אֱמֶת לוֹיט זַיין מַצָב, אוּן עֶר זָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר בִּיטֶער, אִיךְ בִּין מִיט דָאס אוּן דָאס דוּרְךְ גֶעפַאלְן, ׳ה׳ הוֹשִׁיעָה׳ הֶעלְף מִיר וְכוּ׳, וֶועט עֶר קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין פִּינְסְטֶערְנִישׁ, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָארְטְן, אַז וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל דַארְף בֶּעטְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן, עֶר זָאל כָּאטְשׁ אֵיינְמָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זָאגְן אַ דִיבּוּר אֱמֶת; וַוייל מֶען נַארְט זִיךְ, אוּן מֶען דַארְף בֶּעטְן אוֹיף אֱמֶת. נָאכְדֶעם אֲ׳כִילָה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ זָאל אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן, נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן מִיט מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, אִיךְ זָאל נָאר עֶסְן מִיט אַ הֶכְשֵׁר.

נָאכְדֶעם אוֹת ב׳: בְּ׳רִית, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ זָאל הָאבְּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, אִיךְ זָאל וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דֶעם חֵטְא. בְּ׳טָחוֹן, אִיךְ זָאל הָאבְּן בִּטָחוֹן אִין דִיר אַז דוּ וֶועסְט מִיר אַוַודַאי הֶעלְפְן, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן. בּ׳וּשָׁה, אִיךְ זָאל זִיךְ שֶׁעמֶען פוּן דִיר. קוּמְט אוֹיס, אַז אֵיינֶער הָאט דִי צְוֵויי זַאכְן: פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶיךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן, עֶר וֵוייסְט אַז פַּרְנָסָה אִיז נָאר

breslevcity.co.il

פוּן בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט עֶר הִתְבּוֹדְדוּת, דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר זִיכֶער אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא]

דְרַיי מָאל אַ טָאג זָאגְט מֶען אַשְׁרֵי בַּיים דַאוֶונֶען, דָאךְ זֶעהְט מֶען וֶוער הָאט אִינְזִין וָואס עֶר זָאגְט?!
דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהְן אַז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען זָאל מֶען כָאטְשׁ דוּרְךְ זָאגְן שַׁ״ס, אוּן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, וַוייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּן מֶען זָאגְט דָאס דוּרְךְ, קוֹדֶם הָאט מֶען אַ שַׁיְיכוּת מִיט רַבִינָא אוּן רַב אַשִׁי, מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן רֶבִּי יְהוּדָה, אוּן אַזוֹי מִיט אַלֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים, אוּן מִיט זֵיי חַבֶרְ'ט מֶען זִיךְ, אוֹיךְ דוּרְכְדֶעם זָאגְט מֶען שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים, אוּן נָאכְדֶעם טְרֶעפְט מֶען שׁוֹין שֵׁיינֶע מַאֲמָרֵי חַזַ״ל, אוּן אַז מֶען זֶעהְט אַ אִינְטְרֶעסַאנְטֶע גְמָרָא, קוּקְט מֶען שׁוֹין אַרַיין וָואס רַשִׁ״י זָאגְט אָדֶער וָואס תּוֹסְפוֹת זָאגְט אוֹיף דֶעם, אוּן אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אַ חֵשֶׁק.

דֶער גֶערֶער רֶבִּי, בַּעַל אִמְרֵי אֱמֶת זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועְן אוֹיף דִי צַייט, הָאט עֶר

breslevcity.co.il

גֶעהַאט שִׁיעוּרִים מִיט אֵיינֶעם זִיבְּן מִינוּט, מִיט אֵיינֶעם צֶען מִינוּט, צוּ וַוייזְן וָואס מֶען קֶען דוּרְכְלֶערְנֶען אִין זִיבְּן מִינוּט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוָואגֶער וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים פַּאר פּוּרִים יֶעדְן טָאג זִיבְּן מִינוּט מַסֶכְתָּא מְגִילָה, נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ הָאט עֶר דָאס גֶעעֶנְדִיגְט.

אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט דִי טֵייעֶרְקַייט פוּן מִינוּטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַּאר זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פַּאר שַׁבָּת אַרוֹיסְהֶעלְפְן מְסַדֵר זַיין דִי שְׁטוּבּ, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין אַלֶעס גֶעהַאט גֶעעֶנְדִיגְט אוּן עֶס אִיז אִים נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן בִּיז לִיכְט צִינְדְן פִּינֶעף מִינוּט, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: גְרוֹיסֶע פִּינֶעף מִינוּט! כְּדֵי צוּ וַוייזְן וָואס פִּינֶעף מִינוּט אִיז. אוֹיךְ אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֵיינְמָאל גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי מְזוּזָה אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אוּן גֶעבֶּעטְן אַז נָאךְ פִּינֶעף מִינוּט זָאל מֶען אִים גֶעבְּן אַ קְלַאפּ.

breslevcity.co.il

נָאר בַּיי אוּנְז אִיז דָאס זֵייעֶר מְזוּלְזָל, אוּן אַ מֶענְטְשׁ כַּאפְּט נִישְׁט אַז אִין פִּינֶעף מִינוּט קֶען עֶר דוּרְךְ לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, דוּרְכְזָאגְן צְוֵויי דְרֵיי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אָבֶּער דֶער וָואס עֶר הָאט דֶעם אֱמֶתְ'ן שֵׂכֶל, אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע מִינוּט.

דֶערְפַּאר אַז אֵיינֶער לֶערְנְט אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר מוֹרָא'דִיג מַצְלִיחַ זַיין, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט עֶר וֶוערְן בָּקִי אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער פוּן דִי תּוֹרָה. דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִּדְבָּר רַבָּה א, ח): פַארְוָואס אִיז דִי תּוֹרָה גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן אִין מִדְבָּר? וַוייל דֶער מִדְבָּר אִיז אַ מָקוֹם הֶפְקֵר, דָאס זֶעלְבֶּע דִי תּוֹרָה אִיז הֶפְקֵר, עֶס גֵייט נִישְׁט בִּירוּשָּׁה, אוּן וֶוער עֶס וִויל קֶען זוֹכֶה זַיין אִין דֶעם.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי פְּגַם פוּן דִי מְרַגְלִים, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז דָא אִין מִדְבָּר זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אָבֶּער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועלְן זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, וַוייל אַלֶע אִידְן וֶועלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מַדְרֵגָה, הָאבְּן זֵיי גֶעקְרִיגְט.

breslevcity.co.il

ג.

טוֹבָה הָאָרֶץ מְאֹ״ד מְאֹ״ד (בַּמִדְבָּר יד, ז), זָאגְן צַדִּיקִים (אִמְרֵי יוֹסֵף, לֶךְ לְךָ, בְּשֵׁם הרה״ק רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל מְוִויטֶעפְּסְק זי״ע): מֶען זֶעהְט אַז דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ד, ד), דֶעם לָשׁוֹן בַּיי דִי מִדָּה פוּן עֲנָוָה: מְאֹד מְאֹד הֱוֵי שְׁפַל רוּחַ, וַוייל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט אִין זִיךְ אַ סְגוּלָה פוּן עֲנָוָה (זֶרַע קוֹדֶשׁ, שְׁלַח), אַז וֶוער עֶס קוּמְט אַרַיין אִין אִיר, וֶוערְט עֶר בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, וַוייל עֶר וֶוערְט נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן מז), אוֹיף דֶעם וָואס דִי מְרַגְלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: וִוי אַזוֹי קֶען מֶען גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עֶס אִיז דָאךְ אַן אֶרֶץ אֹכֶלֶת יוֹשְׁבֶיהָ?! (בַּמִדְבָּר יג, לב), דָאס הֵייסְט, זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט אִין דִי שַׁאנְד פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז מֶען שְׁטַארְבְּט דָארְטְן, פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אֱמֶת טַאקֶע אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דִי גְנוּת, אָבֶּער דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִיז דָאךְ אַ תּוֹרַת אֱמֶת, וִויאַזוֹי שְׁטֵייט דִי שֶׁקֶר – וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט – אִין דִי תּוֹרָה, מוּז דָאךְ זַיין אַז אִין דִי וֶוערְטֶער אִיז מְרוּמָז עֶפֶּעס אַן אֱמֶת אוֹיךְ?

breslevcity.co.il

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קכט): דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן זַיין מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק אִיז צוּ פָּאלְגְן דֶעם צַדִיק, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם צַדִיק, וֶוערְט מֶען אַרַיינְגֶעגֶעסְן אִינֶעם צַדִיק, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אֱמוּנָה, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶוערְט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעסְן צוּ אֱמוּנָה, דָאס הֵייסְט עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה, עֶר רֶעדְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע דִיבּוּרִים, דָאס הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט, עֶס אִיז אַן: 'אֶרֶץ אֹכֶלֶת יוֹשְׁבֶיהָ', דָאס הֵייסְט אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עֶסְט אִיבֶּער דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, ג): **שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה.**

אוּן דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ וִויסְן, אַז וֶוען עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה, דֶעמָאלְטְס וָואס עֶר זָאל נָאר נִישְׁט הָאבְּן אָפְּגֶעטוּעֶן חַס וְשָׁלוֹם, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

breslevcity.co.il

מוֹחֵל, אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): **עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ**, דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוֹרָב צוּם צַדִיק דַארְף עֶר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אַז - בָּרוּךְ הַשֵּׁם - עֶר מַאכְט מִיר כָּאטְשִׁיג אוֹיף דִי אוֹיגְן, אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן סז): דֶער צַדִיק מַאכְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, אוּן דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ קוּקְן אוֹיף זִיךְ. אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דֶער צַדִיק אַרַיין אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חַיוּת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ח), אוּן כָאטְשִׁיג עֶר אִיז אַזוֹי נִידֶערִיג הֵייבְּט עֶר אִים אוֹיף זֵייעֶר הוֹיעֶךְ, אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין אַזוֹי וְוי אַ נַנָס [זֵייעֶר אַ קְלֵיינֶע מֶענְטְשׁ] וָואס הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אוֹיפְן רוּקְן פוּן אַ רִיז. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק, כָאטְשׁ עֶר אִיז טַאקֶע גָארְנִישְׁט, דָאךְ זִיצְט עֶר אָבֶּער אוֹיף אַ גְרוֹיסְן צַדִיק.

breslevcity.co.il

חֲזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה כז, ג-ו): אוֹיף יִתְרוֹ וָואס אִיז אַנְטְלָאפְן צוּ מֹשֶׁה אִין מִדְבָּר, אַ מָשָׁל, צוּ אַ פַאנְגֶער וָואס כַאפְּט פֵייגְלֶעךְ, אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעזֶעהְן גָאר אַ שֵׁיינֶע פֵייגְל אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט כַאפְּן, הָאט זִיךְ דֶער פֵייגְל אַרָאפּ גֶעזֶעצְט אוֹיפְן קְרוֹין פוּן קֵיסֶר, הָאט עֶר אִיר שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט שִׁיסְן, וַוייל אֵיין טָעוּת אַז עֶר מַאכְט, הָאט עֶר אַרַיין גֶעשָׁאסְן אִינֶעם קֵיסֶר. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען יִתְרוֹ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן זִיךְ בַּאזֶעצְט לֶעבְּן אִים, הָאט בִּלְעָם גֶעזָאגְט (בַּמִּדְבָּר כד, כא): עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף זֵייעֶר אַ גוּטְן פְּלַאץ.

אוּן אַז מֶען אִיז שׁוֹין יָא מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען אִים פָאלְגְן, אוּן יֶעדְן טָאג רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אֲפִילוּ מֶען זֶעהְט נָאךְ נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רלד): וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵק זַיין צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ עֶס גֵייט דוּרְךְ יָארְן אוּן עֶר זֶעהְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, מִיט דֶעם אַלֶעם זָאל עֶר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן דֶעם, וַוייל יֶעדֶע וָוארְט

breslevcity.co.il

מַאכְט אַ רוֹשֶׁם אִין הִימְל, הָאט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל: ווִי עֶס טְרָאפְּט וַואסֶער אוֹיף אַ פֶּעלְזְן שְׁטֵיין, וָואס עֶס קוּקְט אוֹיס אַז עֶס קֶען דָאס נִישְׁט דוּרְךְ לֶעכֶערְן, אָבֶּער אַז עֶס טְרָאפְּט אוּן טְרָאפְּט אָן אוֹיפְהֶער, וֶועט דָארְט בַּיים סוֹף וֶוערְן אַ לָאךְ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ ׳לֵב הָאֶבֶן׳, אַ שְׁטֵיינֶערְנֶע הַארְץ, אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נָאךְ אוּן נָאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, מַאכְט עֶר אַ לָאךְ אִין דֶעם ׳לֵב הָאֶבֶן׳, בִּיז עֶס וֶוערְט אִינְגַאנְצְן גֶעעֶפֶענְט.

וֶועגְן דֶעם זָאל אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אוּן זָאגְן: וֶוער הֶערְט מִיר אוֹיס?! נָאר וַוייטֶער רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ בַּאפְלַייסְט זִיךְ, אוּן רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּירְט עֶר שׁוֹין נָאכְדֶעם אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג - אוּן יֶעדֶע זַאךְ - רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

## ד.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִדְבָּר יג, יז-יט): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט דִי צְוֶועלֶעף מְרַגְלִים אוּן עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט: זֵיי זָאל קוּקְן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע לַאנְד אָדֶער אַ שְׁוַואכֶע לַאנְד, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ סִימָן, אוֹיבּ אִיז דָאס אַן אָפֶענֶע שְׁטָאט, זֶענֶען זֵיי גִבּוֹרִים, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין מוֹרָא, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז דָאס אַ פַארְמַאכְטֶע, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז זֵיי זֶענֶען שְׁוַואךְ אוּן הָאבְּן מוֹרָא.

אוּן דָאס אִיז אַ לִימוּד זִיךְ צוּ לֶערְנֶען בַּיי יֶעדֶע פְּרַט, אוּן אוֹיךְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, דִי וָואס זָאגְן שְׁטֶענְדִיג: קוּם נָאר אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן אִין אוּנְזֶער חֲבוּרָה, נָאר בַּיי אוּנְז אִיז דֶער אֱמֶת, אוּן אַלֶע זֶענֶען אִין שֶׁקֶר, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז זֵיי זֶענֶען שְׁוַואךְ, וַוייל פַארְוָואס דַארְף מֶען אַזוֹי מוֹרָא הָאבְּן, אַדְרַבָּה, כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אֱמֶת, כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען צַדִיקִים, אַזוֹי וְוִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דִבְרֵי הַיָמִים-א, יז, כא): מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ, וואוּ אִיז נָאךְ דָא

אַזַא טַייעֶרע פָאלְק אַזוֹי ווִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. און דָאס וָואס מֶען זֶעהְט, אַז נִישְׁט יֶעדֶער פִּירְט זִיךְ אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיז דָאס נָאר צוּלִיבּ דִי פַאלְטְשֶׁע מַנְהִיגִים, וָואס זֵיי פַארְפִירְן דָאס פָאלְק, און עֶס אִיז אַ בִּיטֶערֶער רַחְמָנוּת, צוּ זֶעהְן ווִי **רְשָׁעִים אֲרוּרִים**, דִי **עֶרֶב-רַב** זֶענֶען **מַעֲבִיר עַל הַדַּת** מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי דִי **עֲמָלֵקִים יִמַּח שְׁמָם** הָאבְּן אוּמְגֶעבְּרֶענְגְט מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער **בְּגַשְׁמִיוּת**, הָאבְּן דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע **עֶרֶב-רַב** אָפְּגֶע'הַרְגֶ'עט מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער **בְּרוּחָנִיוּת**, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אַלֶע אִידְן הֵיילִיג און טַייעֶר, בִּפְרַט דִי סְפַרְדִים זֶענֶען מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, און מֶען טָאר זֵיי נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם מְרַחֵק זַיין.

אָבֶּער אַז מֶען אִיז אָפֶּען, וַוייזְט דָאס אוֹיף שְׁטַארְקֵייט און אֱמֶת, אַז דוּ ווִילְסְט וֶועסְטוּ קוּמֶען, און אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט מוּזְטוּ נִישְׁט קוּמֶען, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אֶפְשָׁר וֶועלְן זִיךְ אִידְן מְחַיֶה זַיין מִיט דִי וֶוערְטֶער און נִיצְן דִי עֵצוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כג):

אִין הִימְל שְׁרֵייעֶן נְשָׁמוֹת זֵיי זֶענֶען הוּנְגֶערִיג, דוּרְשְׁטֶערִיג, זֵיי זֶענֶען נַאקֶעדִיג אוּן בָּארְוֶועס, בְּרֶענְגְט מֶען זֵיי עֶסְן, טְרִינְקֶען, אוּן קְלֵיידֶער, זָאגְן זֵיי: נִישְׁט דָאס דַארְפְן מִיר! מִיר דַארְפְן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס: וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן טְרִינְקְט נָאךְ אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְווֹת.

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעטְרָאפְן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳ן חָסִיד וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ דִי אַרְבֶּעט, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, מִיט אַ תְּהִלִים, אוּן אַ לָאנְטְשׁ בֶּעג אוֹיכֶעט, זָאגְט עֶר מִיר: אִיךְ נֶעם מִיט אַ לָאנְטְשׁ פַארְן גוּף, אוּן אַ לָאנְטְשׁ פַאר דִי נְשָׁמָה, פֵּיאוֹת הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, צִיצִית הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אַ בָּארְד הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעטוּהְן מִיט מִצְווֹת, וֶועגְן דֶעם נֶעם אִיךְ מִיר מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת מִיט אַ תְּהִלִים, וָואס דָאס אִיז עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר דִי נְשָׁמָה, אַזוֹי בִּין אִיךְ מְקַיֵים דֶעם רָצוֹן פוּן הֵיילִיגְן

רֶבּי׳ן. דָאס הֵייסְט אֱמֶתְ׳ע הִתְקָרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבּי׳ן, אַז מֶען טְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין בַּיים סוֹף.

ה.

וּמָה הָאָרֶץ הַשְּׁמֵנָה הִוא אִם רָזָה, הֲיֵשׁ בָּהּ עֵץ אִם אַיִן, וְהִתְחַזַּקְתֶּם וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ (בַּמִּדְבָּר יג, כ): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן זֵיי זָאלְן נֶעמֶען פוּן דִי פֵּירוֹת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אוּן אֵיין מֶענְטְשׁ הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט אַ רִיזִיגְן מִילְגְרוֹים, אֵיינֶער אַ רִיזִיגְן פַּייג, אוּן אַכְט מֶענְטְשְׁן אַ גֶעהֶענְגְל טְרוֹיבְּן, אָבֶּער יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען. הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ בְּרֶסְלֶבֶע׳ר חָסִיד, רֶבִּי אֶפְרָיִמ׳ל פְּשֶׁעדְבָארְזְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (בְּסִפְרוֹ עוֹנֶג שַׁבָּת, פַּרְשַׁת שְׁלַח): הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס הָאבְּן יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט פַאר יֶעדְן מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מִפְּרִי הָאָרֶץ? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶענוּמֶען, וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ׳וְהִתְחַזַּקְתֶּם׳ ׳וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ׳. דִי צֶען מְרַגְלִים,

הָאבְּן טַאקֶע גֶענוּמֶען פוּן דִי פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט מְחַזֵק גֶעוֶוען וֶוען עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף זֵיי דִי מוֹרָא׳דִיגֶער נִסָיוֹן, אָבֶּער יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם ׳וְהִתְחַזַקְתֶּם׳, דָאס הִתְחַזְקוּת, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן.

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעהְט מֶען, פַאר יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן הָאט משֶׁה רַבֵּינוּ צוּגֶעלֵייגְט אַ י׳, אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוֹיף אִים: יָ-הּ יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְלִים (רַשִׁ״י, בַּמִדְבָּר יג, טז), אוּן וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶעהְן אַז פַאר יְהוֹשֻׁעַ הָאט מֶען אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן אוּן פַאר אִים נִישְׁט, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בִּיז חֶבְרוֹן בֶּעטְן בַּיי דִי קִבְרֵי צַדִיקִים: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הָאבּ רַחְמָנוּת בִּזְכוּת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, שָׂרָה רִבְקָה לֵאָה אַז אִיךְ זָאל נִיצוֹל וֶוערְן. פְרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (שְׁלַח, קנח ע״ב): וִוי אַזוֹי הָאט כָּלֵב נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין אַלֵיין אִין חֶבְרוֹן, וואוּ עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי אַלֶע זֶעקְס רִיזְן?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: וֶוער עֶס אִיז אִין אַ צָרָה קוּקְט נִישְׁט אוֹיף

גארנישט; און דאס איז א מוראדיגע יסוד אין לעבן, אז ווען א מענטש ווייסט ווער ער איז, אז ער איז דער נידעריגסטער מענטש וואס איז נאר פארהאנען, און עס איז נאך נישט געווען - פון ווען דער בורא כל עולמים האט נאר געטראכט צו באשאפן מענטשן, ביז צום סוף ווען ער וועט פארמאכן די וועלט - אזא נידריגע נשמה, דעמאלטס קען אים שוין קיינער נישט אוועקנעמען פון צדיק, ווייל אז מען האט אים אלעמאל געזאגט אז ער איז גארנישט ווערד, און דא קומט אזא הייליגער רבי און הייבט אים אזוי שטארק אויף, און גיט אים אריין אזא האפענונג און חיות, דערשרעקט ער זיך שוין נישט פון קיינעם, און ער קוקט שוין נישט אויף גארנישט, און האלט זיך שטארק ביים צדיק.

א בחור האט מיר אמאל געזאגט: איר האט מיר געמאכט פאר א מיליאנער. ווייל יעדער האט מיר שטענדיג געזאגט אז איך בין גארנישט ווערד, און אויך אין אלע כחות האב איך באקומען א זירא אויף די פארהער, און איר האט מיר נאר צוגעלייגט דעם

אֵיינְס נָאךְ דִי אַלֶע זִירָאס בִּין אִיךְ גֶעוָואוּרְן אַ בִּילְיָאנֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ צוּפַּאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אַזוֹי וִוי יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַקְתֶּם' זָאלְן מִיר אוֹיךְ נֶעמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַקְתֶּם', זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין, אוּן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**כ"ק מרן רבינו**

# אליעזר שלמה בן מלכה

**שליט"א**

לרפואה שלימה לכל רמ"ח
אבריו ולכל שס"ה גידיו ולכל
טיפי דמיו.

**הספר הקדוש הזה**
**נדפס לזכות**

## מיכאל דניאל בן יהודית נ״י בוים
## וזוגתו
## חוה שרה בת דבורה תחי׳

## וילדיהם
## פייגא, צבי, מלכה.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

לעילו נשמת

שרה רבקה בת ר' יואל הכהן ע"ה

נפטר ה' חשון תשע"ב

ת.נ.צ.ב.ה

# על הטוב יזכר

אלה יעמדו על הברכה
האנשים גבורי החיל שהושיטו לנו יד עזרה
**לנדב סכום הגון מדי חודש בחדשו**
למען הדפסת ספרי רבינו ולהפיצם על פני תבל
הלא הם

מו"ה
**בנימין איינהוירן**
הי"ו

מו"ה
**שאול חיים איינהוירן**
הי"ו

מו"ה
**מנשה איצקאוויטש**
הי"ו

מו"ה
**יוסף אירגאס**
הי"ו

מו"ה
**אייזיק אפפעל**
הי"ו

מו"ה
**יחיאל אריה**
הי"ו

מו"ה
**העניך אינדיג**
הי"ו

מו"ה
**אשר דוב אינדורסקי**
הי"ו

מו"ה
**מיכאל דניאל בוים**
הי"ו

מו"ה
**יוסף בארדאגה**
הי"ו

מו"ה
**יואל גאלדשטיין**
הי"ו

מו"ה
**מרדכי אהרן היילפרין**
הי"ו

מו"ה
**יעקב היילפרין**
הי"ו

ישלם ה' פעלם ותהי משכורתם שלמה מעם ה', זכות הדפסת ספר הקדוש יעמוד להם שיתברכו מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנו יצליחו, ויזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, וימלא ה' כל משאלותם לטובה, אמן.

# על הטוב יזכר

אלה יעמדו על הברכה
האנשים גבורי החיל שהושיטו לנו יד עזרה
**לנדב סכום הגון מדי חודש בחדשו**
למען הדפסת ספרי רבינו ולהפיצם על פני תבל
הלא הם

מו"ה
**אליעזר הירשפעלד**
הי"ו

מו"ה
**יצחק אהרן וויינבערג**
הי"ו

מו"ה
**אהרן וועבערמאן**
הי"ו

מו"ה
**יואל וועבערמאן**
הי"ו

מו"ה
**אברהם צבי וועבערמאן**
הי"ו

מו"ה
**יוסף וויזנער**
הי"ו

מו"ה
**יצחק יונה זאבעל**
הי"ו

מו"ה
**פנחס מרדכי טייטלבוים**
הי"ו

מו"ה
**שלמה ברוך טייטלבוים**
הי"ו

מו"ה
**יואל טייטלבוים**
הי"ו

מו"ה
**יעקב יהודה לעבעוויטש**
הי"ו

מו"ה
**בנציון לאנדא**
הי"ו

מו"ה
**יואל לעווי**
הי"ו

ישלם ה' פעלם ותהי משכורתם שלמה מעם ה', זכות הדפסת ספר הקדוש יעמוד להם שיתברכו מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנו יצליחו, ויזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, וימלא ה' כל משאלותם לטובה, אמן.

# על הטוב יזכר

אלה יעמדו על הברכה
האנשים גבורי החיל שהושיטו לנו יד עזרה
**לנדב סכום הגון מדי חודש בחדשו**
למען הדפסת ספרי רבינו ולהפיצם על פני תבל
הלא הם

מו"ה
**שבתי מזרחי**
הי"ו

מו"ה
**יואל מענדלאוויטש**
הי"ו

מו"ה
**יחזקאל סאמעט**
הי"ו

מו"ה
**יצחק סאלאמאן**
הי"ו

מו"ה
**נתן פריעדמאן**
הי"ו

מו"ה
**יעקב פיש**
הי"ו

מו"ה
**אלימלך פריעדמאן**
הי"ו

מו"ה
**מאיר דוד פארקאש**
הי"ו

מו"ה
**יואל פארקאש**
הי"ו

מו"ה
**אלי קנויל**
הי"ו

מו"ה
**יצחק אהרן ריין**
הי"ו

מו"ה
**יואל ראטה**
הי"ו

מו"ה
**חיים דוד ראזענבערג**
הי"ו

ישלם ה' פעלם ותהי משכורתם שלמה מעם ה', זכות הדפסת ספר הקדוש יעמוד להם שיתברכו מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנו יצליחו, ויזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, וימלא ה' כל משאלותם לטובה, אמן.

# על הטוב יזכרו

אלה יעמדו על הברכה
האנשים גבורי החיל שהושיטו לנו יד עזרה
**לנדב סכום הגון מדי חודש בחדשו**
למען הדפסת ספרי רבינו ולהפיצם על פני תבל
הלא הם

מו"ה
**יצחק ראזענבערג**
הי"ו

מו"ה
**יואל ראזענבערג**
הי"ו

מו"ה
**חיים דוד ראזענבערג**
הי"ו

מו"ה
**אלימלך שארף**
הי"ו

מו"ה
**אברהם משה שטראססער**
הי"ו

מו"ה
**יואל מנחם גרשון שניטצלער**
הי"ו

מו"ה
**שלום שניטצלער**
הי"ו

מו"ה
**יואל שניטצער**
הי"ו

לזכות
**מאיר בן לאה**
לזיווג הגון

לזכות
**שמעון מרדכי בן זעלדא רחל**
לגדלו לתויר"ש כרצון רביז"ל

מו"ה
**שם הנדבן**
הי"ו

מו"ה
**שם הנדבן**
הי"ו

מו"ה
**שם הנדבן**
הי"ו

ישלם ה' פעלם ותהי משכורתם שלמה מעם ה', זכות הדפסת ספר הקדוש יעמוד להם שיתברכו מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנו יצליחו, ויזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, וימלא ה' כל משאלותם לטובה, אמן.

אִיר קֶענְט יֶעצְט הָאבְּן דִי זֶעלְטֶענֶע זְכוּת צוּ מְקַרֵב זַיין אִידְן לְאָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם
אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, דוּרְךְ מְנַדֵב זַיין צוּ דְרוּקְן אַ סֵפֶר אִינֶעם "בֵּית הַדְפוּס".

# צוּ וֵוייסְט אִיר???

...אַז דִי חָשׁוּב'סְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז צוּ מְקַרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ תְּרוּמָה קכ"ח:)?

...אַז דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים זֶענֶען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר (אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג' מִכְתָּב שנ"ב)?

...אַז הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען שׁוֹין צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים (אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א' מִכְתָּב נ')?

...אַז יֶעדֶע דָאלֶער וָואס אִיר גֶעבְּט פַארְן בֵּית הַדְפוּס, זֶענְט אִיר מְקַרֵב מִיט דֶעם נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א' מִכְתָּב נ')?

...אַז וֶוען אֵיינֶער מַאכְט אַז אַ צְוֵוייטֶער אִיד זָאל תְּשׁוּבָה טוּהן, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תמ"ז)?

...אַז מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט צוּ אַז וֶוער עֶס וֶועט מְנַדֵב זַיין צוּ דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר "אַשֶׁר בַּנַּחַל", וֶועט זִיכֶער זֶעהן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה מִיט וָואס עֶר דַארְף (אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א' מִכְתָּב כ"ב)?

...אַז הוּנְדֶערְטֶער אִידְן זָאגְן עֵדוּת אוֹיף גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת לְמַעְלָה מִדֶרֶךְ הַטֶבַע וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהן דוּרְכְ'ן מְנַדֵב זַיין צוּ דְרוּקְן "אַשֶׁר בַּנַּחַל"?

ברסלב
קרן הדפסה
"היכל הקודש"
להדפסת והפצת
ספרי רבינו ותלמידיו הקדושים
בעולם

## לָאזְט נִישְׁט אַרוֹיס דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעלֶעגְנְהַייט,

רוּפְט שׁוֹין אַרַיין אִין אָפִיס, מִיט אַ שֵׁיינֶע נְדָבָה, אוּן הָאט דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת צוּ מְקַרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גְלַייכְצַייטִיג וֶועט אִיר אִין דֶעם זְכוּת גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט

## יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת, נַחַת פוּן קִינְדֶער, שִׁידוּכִים, אוּן נָאךְ.

**רוּפְט שׁוֹין 845-481-3321**